בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
צ"ז

פרשת תרומה
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בֹּא שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א**

### אַ זְכִיָּה מְחַזֵּק צוּ זַיין דִי מְחַנְּכִים

אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן מֶער חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים, אָבֶּער אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן.

אִיךְ פְרֶעג אַלְץ דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶוער עֶס קֶען מִיר בָּארְגְן אַ שָׁעָה, צְוֵויי, דְרֵיי... וֶוען אִיךְ זֶע אַ בָּחוּר וָואס קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זַיין צַייט, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"אֶפְשָׁר בָּארְגְסְטוּ מִיר צֶען מִינוּט?"**... אִין דִי צֶען מִינוּט קֶען אִיךְ אַרַייְנְכַאפְּן צוּ שְׁרַייבְּן נָאךְ אַ תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיטְן פֵּרוּשׁ **"שְׂפָתַי תִּפְתָּח"**, אָדֶער נָאךְ אַבִּיסְל פוּנֶעם פֵּירוּשׁ **"חָזִיתָ אִישׁ"** אוֹיף זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט מִיר יָא אוֹיס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אַוֶועקְכַאפְּן אִינְמִיטְן מַיין פַארְנוּמֶענֶעם סֵדֶר הַיּוֹם, אַרָאפּ גַנְבְ'עֶנֶען אַ צֶען פוּפְצְן מִינוּט, צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אִיז עֶס פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה אוּן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

### אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן שׁוֹין מוֹסְדוֹת אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער; אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אִין יְרוּשָׁלַיִם.

פָארִיגֶע וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּנְזֶער מוֹסָד, וָואס זָאל אִיךְ עֶנְק זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי מוֹסָד דָארְט, עֶס הָאט מִיר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת, ווִי אַזוֹי מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי בֵּית פֵּיגָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, עֶס הָאט מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעקוּקְט דִי זֶעלְבֶּע, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע 'בֵּית פֵּיגָא' אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הָאבְּן מִיר עֶס גֶעעֶפְנְט אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט פוּן אַ דִירָה, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט צְוֵויי לֶערֶערִינְס, דִי הַיינְטִיגֶע מְנַהֶלֶת אוּן אַ מֵיידְל, בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּבִּיסְלֶעךְ שְׁנַיידְט מֶען שׁוֹין הַיינְט דִי פֵּירוֹת, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַזַא שֵׁיינֶע קְהִילָה.

דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דָא אִין דִי מוֹסָד בִּיז זֵייעֶר חֲתוּנָה, זֶענֶען אַן עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי.

יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדְן דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ.

### גֶעשֶׁעדִיגְט דִי מֹחַ פוּן אַ קִינְד

אִיךְ ווִיל הַיינְט רֶעדְן פוּן אַן עִנְיָן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַמָאל גֶערֶעדְט דֶערְוֶועגְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל אִיךְ דָאס נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין.

פָארִיגֶע זוּמֶער זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מִשְׁפָּחָה וָואס זֶענֶען פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים [וָואס מֵיינְט 'פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים'? - שְׁטִילֶערְהֵייט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין לַאנְג מְקוּרָב, זֵיי הֶערְן שׁוֹין אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן הַאטְלַיין פַאר לַאנְגֶע יָארְן, נָאר יֶעצְט זֶענֶען זֵיי מְקוּרָב גֶעוָוארְן אָפְן, דֶער מַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן קוּמֶען צוּ דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים, אוּן דִי פְרוֹי צוּ דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּמֶען] זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אִיךְ פְרֶעג זֵיי: **"וָואס גֵייט פָאר?"** דֶערְצֵיילְן זֵיי אַז זֵייעֶר קְלֵיינֶע טָאכְטֶער גֵייט אִין אַ גְרוֹיסֶע מוֹסָד אִין בָּארָא פַּארְק, פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז זִי מַמָּשׁ גֶעוָוארְן גֶעדֶעמֶעדְזְשְׁט [גֶעשֶׁעדִיגְט], נִישְׁט 'בְּרוּחָנִיּוּת', נָאר עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אִיר מֹחַ.

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי דָאס אִיז גֶעשֶׁען, ווַייל קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן

## דִיסְצִיפְּלִין אָן שְׁרֶעק

דָאךְ נִישְׁט אַלֶעס אִיבֶּער וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין שׁוּלֶע, יֶעצְט זֶענֶען זֵיי גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דִי מַעֲשֶׂה, יֶענֶע לֶערֶערִין הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען אִיר טָאכְטֶער צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, הָאט זִי אִיר אַרַיין גֶענוּמֶען אִין אַ טוּנְקֶעלֶע בּוֹילֶער רוּם, אוּן אִיר דֶערְשְׁרָאקְן אַז זִי גֵייט בַּאקוּמֶען גֵיהִנּוֹם!

[אִיךְ וֶועל מַסְבִּיר זַיין פַאר דִי יְרוּשָׁלַיִם'עֶ מְחַנְּכִים וָואס אַ 'בּוֹילֶער רוּם' אִיז. עֶס אִיז אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט שֵׁיין, דָארְט לִיגְן מַאשִׁינֶען מִיט רֶערְן וָואס הֵייצְן אָן דִי קַאלְטֶע וַואסֶער, אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דָא אִין יֶעדֶע בִּנְיָן אַזַא שְׁטִיבְּל.

אִין יְרוּשָׁלַיִם אַרְבֶּעט עֶס אַנְדֶערְשׁ, עֶס לִיגְט אַ פַּאס וַואסֶער אוֹיפְ'ן דַאךְ אוּן עֶס הֵייצְט זִיךְ דוּרְךְ דִי זוּן (מֶען רוּפְט עֶס 'דוּד שֶׁמֶשׁ')].

אֲפִילוּ וֶוען דִי בּוֹילֶער רוּם וָואלְט גֶעהַאט לֶעקְטֶער - אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג פַאר קִינְדֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אָן לֶעקְטֶער! קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם שְׁטוּבּ, מֶען זֶעט דָארְט מַאשִׁינֶען מִיט פֵּייפְּס (רֶערְן), עֶס בְּרֶענְט דָארְט אַ פֵייעֶר, עֶס אִיז פוּל מִיט מַייז שְׁמוּץ, מַייזְן לוֹיפְן דָארְט אַרוּם, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה צוּ זַיין אִין אַזַא שְׁטוּבּ, אֶפְשָׁר מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן גְלַייכְן אַהִין צוּ גֵיין.

זַייט דֶעמָאלְט הָאט דָאס קִינְד גֶעכַאפְּט אַ שְׁוַוייגֶענִישׁ, זִי אִיז אַרַיין אִין אַ פַּחַד, אִין אַ פַארְמַאכְטְקֵייט.

עֶס אִיז גֶעלוּנְגֶען פַאר דִי לֶערֶערִין צוּ מַאכְן סֵדֶר אִין קְלַאס, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין 'דִיסְצִיפְּלִין', דָאס אִיז 'פַארְמַאכְן דִי קִינְדֶער', עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דְרֵיי יָאר אוּן דָאס קִינְד אִיז נָאכְאַלְץ גֶעשֶׁעדִיגְט אִין אִיר מֹחַ!

דִי מַאמֶע הָאט גֶעוֵויינְט צוּ מִיר אַז זִי

הָאט מוֹרָא אֶפְשָׁר אִיז עֶס אִיר שׁוּלְד, אַז זִי אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע מַאמֶע, זִי שְׁפִּירְט וִוי זִי אַלֵיינְס דַארְף נֶעמֶען בַּארוּאִיגוּנְג מֶעדֶעצִינֶען, זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן פוּן אִירֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: דֶער שׁוּלְד גֶעפִיל וָואס אִיר הָאט קוּמְט פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אַלְץ צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן וִויל אִים צֶעבְּרֶעכְן דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מֶען קֶען נָאר טְרַאכְטְן 'וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע פוּן יֶעצְט', 'וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין אַ גוּטֶע לֶערֶערִין פוּן יֶעצְט', מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת.

## דִיסְצִיפְּלִין אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט

וָואס וִויל אִיךְ אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה? אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אוֹיסְצוּלֶערְנֶען 'דִיסְצִיפְּלִין', מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דִיסְצִיפְּלִין, מֶען מוּז אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', אִיךְ קוּק אַרוֹיף מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס קֶענֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה.

וֶוען אַ מְלַמֵד קוּמְט מִיר זָאגְן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען צֶעלָאזְט, וֵייס אִיךְ אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, (קֶען זַיין עֶס הָאט אוֹיךְ גָארְנִישְׁט מִיטְ'ן מְלַמֵד, אֶפְשָׁר עֶר אִיז נִישְׁט גֶעאֵייגְנְט צוּ זַיין אַ מְלַמֵד), אַ מְלַמֵד דַארְף קֶענֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ טוּן אִין כִּתָּה, אוֹיבּ עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אַוֶועק שְׁטֶעלְן, דַארְף עֶר בֶּעטְן הִילְף פוּן אָפִּיס.

דִיסְצִיפְּלִין אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט!

בַּיי דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען גֶעלֶעמְט אוֹיף אֵיין פוּס לֹא עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס, וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נָאר גֶעהֶערְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס דָאס קוֹל פוּן דִי שְׁטֶעקֶענֶעס, הָאט יֶעדֶער זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ אִיךְ הָאבּ דָאס צוּגֶעזֶען, אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, יֶעדֶע דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט וֶוען מֶען הָאט נָאר גֶעהֶערְט דָאס קוֹל וִוי מוֹהֲרָא"שׁ קוּמְט אַרָאפּ דִי טְרֶעפּ [מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעוואוֹינְט הֶעכֶער דִי שׁוּל] הָאט זִיךְ יֶעדֶער גְלַייךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין.

מִיט דֶעם אַלֶעם, וִוי וִויכְטִיג דִיסְצִיפְּלִין אִיז - טָאר מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קַיין קִינְדֶער!

## דֶער קִינְד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטָאלְפֶּערְן

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ טַאטֶע וָואס זַיין זוּן שְׁטָאלְפֶּערְט, דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער טַאטֶע, וִוי אַזוֹי הָאט זַיין זוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטָאלְפֶּערְן, יָארְן צוּרִיק אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין קַאנַאדֶע צוּ אַ חֲתוּנָה, מֶען אִיז גֶעפָארְן לַאנְגֶע שָׁעוֹת אִין אֵיין צִי, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען זָאל קֶענֶען גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא, דִי בֵּית הַכִּסֵא אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט גֶעהֶערִיג אַזוֹי וִוי אִין אַ גֶעז סְטַאנְצִיֶע, נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טוּנְקֶעלֶע פַארְמַאכְטֶע שְׁטוּבּ, דֶער זוּן אִיז דַאן נָאךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע אַז עֶר הָאט מוֹרָא צוּ גֵיין אִין דֶעם בֵּית הַכִּסֵא, הָאט דֶער טַאטֶע אִים גֶעהֵייסְן שְׁטְרֶענְג: **"וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? גֵיי אַרַיין!"** דֶער אִינְגֶל אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען אָבֶּער עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען דֶערְשְׁרָאקְן, אָן אַ לָשׁוֹן, זַייט דֶעמָאלְט שְׁטָאלְפֶּערְט עֶר.

וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, דֶערְשְׁרֶעקְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין בּוֹילֶער רוּם, אָבֶּער אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן מִיר אַ בּוֹילֶער רוּם, אִיךְ וִויל אַז דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זָאלְן אֲפִילוּ נִישְׁט וִויסְן פוּן דֶעם שְׁטוּבּ, קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דֶעם, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער.

## פַארְוָואס הָאט דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע 'בֵּית רָחֵל'?

אִיךְ וִויל דִי לֶערֶערִינְס פוּן 'בֵּית פֵיגָא' זָאלְן וִויסְן דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט בַּיים עֶפֶענֶען דִי בֵּית רָחֵל שׁוּלֶע: "אִיךְ עֶפְן אַ שׁוּלֶע אַז מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ גֵיין אוּן וואוּ צוּ קוּמֶען, נִישְׁט צוּ קֶענֶען שְׁטוּדִירְן", - 'בֵּית פֵיגָא' הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעעֶפְנְט צוּלִיבּ דֶעם טַעַם, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ גֵיין אוּן וואוּ צוּ קוּמֶען.

מֶען פְּרוּבִּירְט דִי בֶּעסְטֶע אַז יֶעדֶער זָאל זַיין צַייטְלִיךְ אוּן עֶס זָאל זַיין אַחְרַיוּת'דִיג, אָבֶּער אוֹיבּ אַ תַּלְמִידָה אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, דַארְף מֶען אִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נָאר מֶען קֶען אִיר זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען שְׁפֶּעט, יֶעצְט זֶעץ זִיךְ שֵׁיין אַרָאפּ, אֶמֶת דוּ גֵייסְט גוּט מִיטְהַאלְטְן וָואס מֶען לֶערְנְט?"** אוּן דִי תַּלְמִידָה עֶנְטְפֶערְט: "יָא", אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי לִימוּדִים.

## דָאס אִיז אַ שֶׁעפֶעלֶע וָואס וֵיינְט

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַ לֶערֶערִין הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידוֹת אַז זִי קָאפֶּערִירְט נִישְׁט, זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן, נִישְׁט אַז בִּיז הַיינְט אִיז זִי יָא גֶעוֶוען וואוֹיל, זִי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, נָאר לֶעצְטְנְס וֶוערְט זִי עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, זִי אִיז מַמָשׁ נִישְׁט דָא, עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, דִי לֶערֶערִין הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי וֵייסְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי מֵיידְל, זַיין שְׁטְרֶענְג אָדֶער זַיין גוּט צוּ אִיר, הָאט זִיךְ דִי מְנַהֶלֶת אָנְגֶערוּפְן: "זִי אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְט קִינְד, זִי הָאט פָּשׁוּט אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר".

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס, וַוייל אִיךְ וֵייס וָואס דָאס קִינְד גֵייט אַרִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען דִי לֶערֶערִין וָואלְט דָאס גֶעוואוּסְט וָואלְט זִי אִיר אַהֵיים גֶענוּמֶען אוּן אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים! דָאס קִינְד וֶוערְט נֶעבֶּעךְ גֶעפַּייְנִיגְט אִינְדֶערְהֵיים, דִי מַאמֶע גֶעבְּט אִיר נִישְׁט קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, אוּן דָאס קִינְד קוּמְט נֶעבֶּעךְ אִין שׁוּלֶע אָן קַיין מֹחַ. [מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַז דִי מַאמֶע אִיז אוֹיךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶס קֶען זַיין אַז אִיר מַאמֶע הָאט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, מֶען רֶעדְט דָא פוּנֶעם קִינְד, אוֹיף וֶועם מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן].

יֶעצְט, דִי לֶערֶערִין טְרַאכְט פוּן אֵיין זַאךְ: 'דָאס קִינְד גֵייט מִיךְ יָא פָּאלְגְן אָדֶער נִישְׁט פָּאלְגְן', אָבֶּער טֵייעֶרֶע לֶערֶערִין, דָאס אִיז אַ שֶׁעפֶּעלֶע וָואס וֵיינְט, דָאס אִיז אַ נְשָׁמָה'לֶע וָואס וֵיינְט, אַ קְלֵיין קִינְד קֶען זִיךְ נָאכְנִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס זִי גֵייט אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעהֶערִיג מִיטְהַאלְטְן דִי שְׁרַייבּ אַרְבֶּעט וָואס מֶען מַאכְט אִין שׁוּלֶע, זִי אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן אִיר צוּפְרִי, וֶוען מֶען הָאט אִיר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן בָּאס גֶעפַּייְנִיגְטֶערְהֵייט, אָן לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען.

## עֶס אִיז בְּוַדַאי יָא דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן קִינְד

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן אַ קִינְד וָואס דְרֵיידְט אִיבֶּער אִין כִּתָּה, וַוייל אַ קִינְד וָואס דְרֵיידְט אִיבֶּער מוּז מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוּן, מֶען רֶעדְט דָא פוּן אַ קִינְד וָואס הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין שׁוּלֶע.

אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס דְרֵייְדְט יָא אִיבֶּער אוּן מֶען דַארְף אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען - קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען מִיט אַ וֶועג פוּן דֶערְשְׁרֶעקְן, נָאר מֶען מוּז טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִיר, אוּן מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין וֶועג מִיט אַ קִינְד, וַוייל 'עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא' (לְשׁוֹן רַבֵּינוּ, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א, מֵאֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ) אַ וֶועג פַאר יֶעדְן קִינְד, 'עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא' אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַ קִינְד זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן אוֹיפְשַׁיינֶען.

אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערֶע לֶערֶערִינְס וֶועלְן צוּרִיק קוּקְן אוֹיף דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע תַּלְמִידוֹת וָואס מֶען הָאט פוּן זֵיי גֶעדַארְפְט אַסַאךְ שְׁלִינְגֶען אוּן שְׁלִינְגֶען, וֶועט מֶען זֶען וִוי דִי בְּלוּמֶעלֶע הָאט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין גֶעעֶפְנְט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן זֵייעֶר שֵׁיין אַלֶעס אַ דַאנְק זֵייעֶר סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי פַאר יֶעדְן קִינְד אִיז דָא אַ וֶועג אוּן הָאפֶענוּנְג צוּ מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ גֶעדֶענְק אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן קִינְדֶער וָואס דִי מְלַמְדִים הָאבְן זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט זֵיי, דִי מְלַמְדִים פְלֶעגְן אַסַאךְ קוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְן גֶעהַאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, זֵיי זֶענֶען זִיךְ אוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט רַחְמָנוּת, מֶען הָאט זֵיי גֶעלָאזְט זִיצְן אִין דִי זַייט, אוּן גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט, אוּן הַיינְט בְּלִיעֶן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שֵׁיין, בַּאלְד זֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער אַלֵיינְס 'מְלַמְדִים'.

זָאלְט אִיר וִויסְן וִוי גְרוֹיס דִי זְכוּת אִיז צוּ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן קִינְד.

### מַיינֶע דִיבּוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידִים

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, זוּנְטָאג נֶעם אִיךְ אוֹיף תַּלְמִידִים, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ קָאפְּל, דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אוּן זַיין וַוייבּ הָאט אֵיין יָאר גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא, זֵיי הַאלְטְן יֶעצְט צְוֵויי יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן מִיר אַ בְּשׂוּרָה טוֹבָה אַז דִי פְרוֹי הָאט זִיךְ יֶעצְט אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִירֶע הָאר!

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר מִיר אוּן דָאס וֶועט עֶנְק אוֹיךְ גֶעבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, דִי פְרוֹי הָאט נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג גֶעלֶערְנְט אִין 'בֵּית פֵיגָא', אוּן בְּלוֹיז פוּן דִי דְרָשׁוֹת וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט אִין שׁוּלֶע, צוּזַאמֶען מִיט דִי דְרָשׁוֹת וָואס זִי הֶערְט בַּיי דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז אֵיין טָאג הָאט זִי אָפְּגֶעמַאכְט פוּן אִיר אֵייגֶענֶע וִוילְן אַז זִי וִויל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן.

יֶעדֶער וָואס טוּט מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן טְרַאכְט: 'אִיךְ רֶעד אוּן אִיךְ רֶעד אוּן אִיךְ רֶעד, וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיף? וואוּ גֵייעֶן מַיינֶע וֶוערְטֶער אַרַיין?' אִיךְ טְרַאכְט אוֹיךְ אַסַאךְ מָאל: 'וואוּ גֵייעֶן מַיינֶע דִיבּוּרִים, בְּשַׁעַת עֶס אִיז נָאךְ דָא פְרוֹיעֶן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ אַלְס תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא אוּן זֵיי שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר?!'

אָבֶּער דָא זֶעט מֶען וִוי נָאךְ אַפָּאר יָאר זֶענֶען אַלֶע דִיבּוּרִים אַרַיין אוּן עֶס הָאט גֶעטוֹישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דַארְף עֶטְץ דָאס אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיין טָאג גֵייעֶן מַיינֶע דִיבּוּרִים אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער.

### שְׂכַר אוֹיף בֵּיידֶע וֶועלְטְן

דֶער שְׂכַר פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט

מֶען בַּאקוּמְט סֵיי שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען פִילְט אַזוֹי גוּט! מֶען שְׁפִּירְט: 'אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטוּן דִי וָואךְ', אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער שֵׁיינֶע זַאכְן.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם, וֶוען עֶנְקֶערֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי וֶועלְן שׁוֹין זַיין פֶערְצִיג יָאר, וֶועלְן זֵיי עֶנְק אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן: **"אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי נַארִישׁ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אוּן אִיר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מִיר!"** - אוֹי וֶועט דָאס עֶנְק גֶעבְּן לֶעבְּן!

דָאס הָאט נִישְׁט דַוְקָא מִיט מְלַמְדִים וָואס זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, דָאס אִיז מִיט יֶעדֶער וָואס אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ חֵדֶר אָדֶער אַ שׁוּלֶע, יֶעדֶער וָואס הָאט סֵיי וֶועלְכֶע שַׁיְיכוּת מִיט קִינְדֶער, - וֶועלְן צוּרִיק הֶערְן יָארְן אַרוּם וִוי תַּלְמִידִים זֶענֶען דַאנְקְבַּאר אוֹיף יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט גֶעדוּלְד צוּ זֵיי וֶוען זֵיי הָאבְן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט וִוילְד.

לֵייגְטְס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת, אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לִיבּ הָאבְן צוּ זַיין אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְן דִי חָכְמָה אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף קִינְדֶער אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער.

...

### נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף שְׁאֵלוֹת וָואס מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס הָאבְן אַרַיינְגֶעשִׁיקְט צוּ פְרֶעגְן.

### אִיךְ רֶעד צוּם וַואנְט?

**אַ לֶערֶערִין פְרֶעגְט:** וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ גְרֵייט זִיךְ אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַ לִימוּד, אוּן בְּשַׁעַת אִיךְ גֶעבּ דֶעם שִׁיעוּר זֶעט אוֹיס וִוי קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא, אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן מִיט בְּלֵייעֶן אוּן צֶעטְלֶעךְ אוּן מֶען מַאלֶעוֶועט.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אַ קִינְד - גֵייט אַרַיין אִינֶעם קִינְד, אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ וִוי קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם וַואנְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז אַלֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין.

אִין אַלֶע שׁוּלֶעס אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז בְּשַׁעַת דִי לֶערֶערִין גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר, זִיצְן אַלֶע קִינְדֶער אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוּן מֶען שְׁרַייבְּט אָפּ דֶעם שִׁיעוּר, עֶס דַארְף נִישְׁט וֵויי טוּן אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט וִוי אַ קִינְד שְׁרַייבְּט נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שִׁיעוּר, נָאר זִיצְט אוּן קַאטְשְׁקֶעט, זִי מָאלְט דַאלִיס אוּן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה גֵייעֶן אַלֶע וֶוערְטֶער אַרַיין אִין יֶעדְן קִינְד.

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס דַארְף אֵייבִּיג אַלֶעס טוּן?

**אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט:** וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס אוֹיבּ מֶען אִיז אִים נִישְׁט מְכַבֵּד, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען אִיז אִים נִישְׁט מְכַבֵּד צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אָדֶער גַּבַּאי, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ מוּטְשֶׁען אוּן פַארְפִירְן?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַ קִינְד; אַמָאל אִיז גֶענוּג אִים צוּ זָאגְן: **"דוּ וֶועסְט זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אַן אַנְדֶער מָאל"**, אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶר שְׁטִיל, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶס אַ קִינְד וָואס אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים זָאגְן: **"דוּ וֶועסְט זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אַן אַנְדֶער מָאל"** - וֶועט עֶר וַוייטֶער זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן, אִיז נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל זִיךְ בִּכְלַל אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל יֶעצְט וֶוערְן אִיבֶּער גֶעקֶערְט, עֶנְדֶערְשׁ פַארְדְרֵייְדְט מֶען דֶעם מַצָּב, מֶען מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ מֶען בַּאמֶערְקְט נִישְׁט אַז דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער רוּפְט מֶען אִים אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן אוּן מֶען אִיז אִים שֵׁיין מַסְבִּיר אַז **"עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דוּ זָאלְסְט אַלֶעס טוּן, דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ אִיבֶּער לָאזְן פַאר אַנְדֶערֶע"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

## פַּארְוָואס אִין חֵדֶר בִּין אִיךְ מַצְלִיחַ, אוּן אִינְדֶערְהֵיים נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶועל גְּלַייךְ צוּגֵיין צוּם עִנְיָן, אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן בַּיי מִיר אִין כִּתָּה אִיז מוֹרָא'דִיג גֶעשְׁמַאק אוּן פַּאזִיטִיוו, אַלֶע זֶענֶען פְרֵייליךְ, אִיךְ לוֹיבּ אוּן רוּם יֶעדְן אוֹיס, אִיךְ שְׁמֵייכְל צוּ יֶעדְן, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם פָּאר מִיט גֶעשְׁמַאק, אִיךְ פָּאלְג וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט פַאר דִי מְלַמְּדִים.

וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז חוֹשֶׁךְ עָנָן וַעֲרָפֶל, אִיךְ שְׁרֵיי אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טֵיילְן פְּסָקִים. דֶעם יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעשְׁלָאגְן מַיין זוּן, אוּן אֵיין מָאל מַיין טָאכְטֶער.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מַיין זוּן אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אוּן מַיין טָאכְטֶער זָאגְט יֶעדֶע מִינוּט "נֵיין" פַאר מַיין וַוייבּ אוּן פַאר מִיר. אוּן וִוי נָאר עֶס וֶוערְט נִישְׁט פְרֵייליךְ אִינְדֶערְהֵיים, בִּין אִיךְ מַקְפִּיד אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶס וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר פְרֶעגְן, "פַּארְוָואס טַאקֶע אִיז דָאס אַזוֹי?", אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיס צוּ הָאבְּן, צִי עֶס הָאט מִיט דֶעם אַז מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַיינְשְׁטִימִיג מִיט מִיר אוּן זִי שֶׁעצְט מִיר נִישְׁט, דֶערְפַאר אִיז מַיין מֹחַ עֶנְג אוּן אִינְדֶערְהֵיים פַארְלִיר אִיךְ דֶעם שְׁמֵייכְל, אוּן דִי לוּפְט וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן, בִּכְלַל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי בַּיי דִי חִינוּךְ שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ מֶער קְלָאר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט אַרָאפּ דֶעם שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, אָבֶּער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי בִּפְרָטִיּוּת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט נִישְׁט דֶעם מָשָׁל וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ שְׁטוּבּ פַּאזִיטִיוו אוּן פְרֵייליךְ, וָואס צוּ זָאגְן פַאר דִי וַוייבּ אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קוּמְט אַהֵיים, וָואס זָאגְט מֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶער קְלָארֶער. אָדֶער קֶען זַיין אַז אִין חֵדֶר אִיז עֶס אַבִּיסְל 'גֶעמַאכְט', 'כְּלוֹמַר'שְׁט', מֶען מַאכְט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען גְּרִיסְט יֶעדְן מֶען רִימְט יֶעדְן וְכוּ', ווִידֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיז עֶס צוּ אֱמֶת'דִיג? עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי אַרָאפְּגֶעלָאזְקֵייט צוּ שְׁמֵייכְלֶען וְכוּ'. אוֹיךְ קֶען זַיין אַז אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן וָואס דָאס קוּמְט.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט בַּיי יֶעדֶע בְּרִיוו צוּגֶעטְרָאפְן קְלָארֶער מַיין מַצָּב וִוי אִיךְ אַלֵיינְס, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הֶעלְפְן בִּיטֶע?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶועז זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵייליךְ, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב וֶוען מֶען זִיצְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, פַאר אַ סְעוּדָה אוּן נָאךְ אַ סְעוּדָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן פְרֵייליךְ אוּן ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, וֶוען צוּ זָאגְן, וִויפִיל צוּ זָאגְן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט נוּצְן קַיין הֶענְט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ שְׁלָאגְן קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוֹיף דֶעם, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס מֶען פּוֹעֵל'ט מִיט שְׁלֶעכְטְס וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט בֶּעסֶער אוּן גְרִינְגֶער פּוֹעֵל'ן מִיט גוּטְנְס", גֶעעֶנְדִיגְט מִיט נוּצְן הֶענְט, נוּץ דִי הֶענְט נָאר צוּ גְלֶעטְן אוּן צוּ קְנִיפְּן אִין בֶּעקְל, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט שְׁלָאגְן.

שֵׁנִית זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן, אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר נִישְׁט אַיינְשְׁטִימִיג, זִי הָאט אִיר גַאנְג וְכוּ', זָאל דִיר דָאס נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן; אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס? וִוי קֶען מֶען זַיין בְּגַדְלוּת הַמּוֹחִין אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ וַוייבּ וָואס אִיז מְזַלְזֵל? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פב), וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דִי רָצוֹן הַשֵּׁם, מֶען הָאט לִיבּ דִי וַוייבּ וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, נִישְׁט וַוייל מֶען גֵייט צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן אִיר עֶפֶּעס, אוּן נִישְׁט וַוייל זִי וֶועט זַיין שֵׁיין צוּ מִיר אוּן רֶעדְן שֵׁיין, נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי פְרוֹי אוּן מִיט אִיר הָאבּ אִיךְ קִינְדֶער, וֶועל אִיךְ אִיר לִיבּ הָאבְּן - דֶעמָאלְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וֶוערְט דִי וַוייבּ בָּטֵל צוּם מַאן אוּן מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, עֶרְוַוארְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּן דַיין וַוייבּ, אוּן אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט, זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אוּן אַז מֶען פָאלְגְט אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶע שָׂכָר", דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, (מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע פָּנִים אָבֶּער מִיט לִיבְּשַׁאפְט).

וְעַל כּוּלָם גֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אִיבֶּער אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, דִיר ווַייזְן אַז עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט צֶעקְלַאפְּט בַּיי דִיר, דֶערְצֵייל אִים וִוי דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַ שְׁמַאטֶע וְכוּ' וְכוּ', בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד צוּרִיק אַהֵיים אוּן מֶען נֶעמְט גָארְנִישְׁט מִיט, מֶען נֶעמְט מִיט נָאר מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן דִי דוֹרוֹת וָואס מֶען לָאזְט אִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים תשפ"ד)

צוּ בַּאקוּמֶען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876